# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת לך, י"א חשון, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 7 (421)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:30
מוצאי שב"ק....................5:56

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..............צפניה ג'-חגי א'
בבלי...........................נדה י"ז
ירושלמי.....................שבת ס"ז
תוספתא...................קרבנות ז'
רמב"ם...רוצח ושמירת נפש א'

# אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## וְהֶאֱמִין בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לוֹ צְדָקָה

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועֶן אַ חָשׁוּב'עֶר אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂית; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען טָאר נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מִמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו').

לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועֶן אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, אוּן וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם פַאר זֵייעֶר רֶבִּי הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא'; מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד, צוּבִּינְדְן אוּן אִים גוּט שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְּרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶועֶן בַּיי זִיךְ. דִי מִשְׁפָּחָה זַיינֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן אִים צוּ הֶעלְפְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים אָבֶער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרִידֶער, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶער נָאז. אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן; דֶער קוּנְץ אִיז זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן, דֶער קוּנְץ אִיז צוּ קֶענֶען שְׁמֵייכְלֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, אוּן אִין דֶעם מֶעסְט זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד - "וִויפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶּה גֶעוֶועֶן דִי אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. "לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", דָאס וַוייזְט אוּנְז וִוי וַוייט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶועֶן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ עֶר אִיז דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ יִסּוּרִים אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר וִויל זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן; וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ מִיר, אָדֶער עֶר וֶועט זוּכְן מֶענְטְשְׁן אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, אָדֶער גָאר זוּכְן מֶענְטְשְׁן וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין דִי בְּרִיוו וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מִנְּכוֹן דְּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר ווֵייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשע"ח)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו'): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוַיָּ' צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוַיָּ' פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר וִויל פָּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוַיָּ'. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוַיָּ'.

אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר

<<<<<<

# א גוט ווארט

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁרַייעֶן אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ'; בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי אוּן עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשי"פ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין ב"ה בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן מַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ סְ'אִיז שַׁייָךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוֹיךְ פַאר עֶלְטֶערֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס מַאכְן שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנוּרְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף וִויסְן וֶוען מְ'מַאכְט שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער. אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט טָעוּתִים.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, בִּפְרַט אוֹיף דֶעם חֶסֶד אַז דַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה. וִויפִיל צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה צוּ קֶענֶען פִירְן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, אוּן אִים בֶּעטְן וַוייטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

נֶעם דִי מִדָּה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם", אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם; דָאס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טוּן, פַאר דַיין זוּן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'", אוּן פַאר דַיין טָאכְטֶער זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט פוּן אִיר מַאן. יֶעדֶעס מָאל דוּ טְרֶעפְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאג פַאר דַיין אֵיידֶעם: "דוּ הָאסְט אַ חָשׁוּבֶ'עֶ טַאטֶע וְכוּ'", אֲפִילוּ עֶר הָאט דִיר בַּאגַנְבְ'עֶט בַּיי דִי חֲתוּנָה, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין שְׁנוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעאַמְפֶּערְט וְכוּ', וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וִוי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַן עֶפְּל פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיינֶע טְרֶערְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעוִוישְׁט דֶעם פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'".

דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן גֶעדֶענְקֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין אוּן סַיי וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תש"פ)

>>>>>>

הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק י"ב) "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִּין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶס.

דִי לְוָיָ' פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר. פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוָיָ'. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא וואוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוָיָ'. בַּיי דִי לְוָיָ' הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוָיָ', עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעוואוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט'עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטְן בַּיי דִי לְוָיָ'. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוָיָ' דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוָיָ', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי"ע, דֶער "צְבִי לַצַּדִיק", פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל דִינוֹבְ'עֶר זי"ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: "אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?" וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן"...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לְעִילּוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילּוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלּוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאְ"שׁ חֵלֶק ד' עֵרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ מֵת מִצְוָה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַ שִׁיף פוּן שְׁטָאט אָדֶעס קַיין אִיסְטַאנְבּוּל אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**רו**

נָאכְ'ן רֵייזְן פִיר טֶעג, הָאט דִי שִׁיף גֶעאַנְקֶערְט בַּיים בָּארְטְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל. זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן נֶעבְּן יַם, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ גֵיין, מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענְט דָארְט אַ חִילוּק צְוִוישְׁן אַ אִיד אוּן אַן אַרַאבֶּער, אוּן פְרֶעגְן אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵצָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ.

זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אֵיינֶעם וָואס קֶען בֵּיידֶע שְׁפְּרַאכְן וָואס זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן אִיבֶּערְזֶעצְן אוּן רֶעדְן פַאר זֵיי, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם וָואס הָאט זֵיי גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּן יֶענֶער הָאט זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ גוּטֶע אַכְסַנְיָא אִין שְׁטָאט, אִינֶעם גֶעגְנְט מִיטְ'ן נָאמֶען גַאלִיטָא, [אִיסְטַאנְבּוּל אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי גֶעגְנְטֶער, אוּן גַאלִיטָא אִיז אוֹיפְ'ן מַעֲרָב-צָפוֹן זַיין פוּן שְׁטָאט], אָבֶער נָאכְ'ן זַיין אִינֶעם אַכְסַנְיָא פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט, הָאט דֶער אִיבֶּערְזֶעצֶער גֶעפְרֶעגְט, "אֶפְשָׁר אִיז גוּט פַאר אַייךְ צוּ זַיין אִינֶעם הוֹיפְּט טֵייל פוּן אִיסְטַאנְבּוּל? דָארְטְן וואוֹינְט דֶער סוּלְטַאן מִיט דִי גַאנְצֶע מְלוּכָה, אוּן דָארְט טָארְן נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין פָּאר-פֶעלְקֶער, נָאר מֶענֶער מֶעגְן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָארְט אִיז זִיכֶער זֵייעֶר גוּט, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. [דָארְט אִיז דִי אַלְט-שְׁטָאט פוּן אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיף מַעֲרָב-דָרוֹם זַייט פוּן שְׁטָאט]. דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַיינְשְׁטֵיין, סְ'אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דָאס פְּלַאץ.

**רז**

דִי אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז דָא יֶעצְט דָארְט אִין שְׁטָאט אַ מְשׁוּלָּח פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן פוּן חוּץ לָאָרֶץ וָואס זֶענֶען יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "אִיךְ וָוארְן דִיךְ אָן אַז דוּ זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער אִיךְ בִּין, וֶוען מְ'וֶועט זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף מִיר זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶועגְן מִיר".

**רח**

וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט דֶעם ר' יִצְחָק וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס טוּסְטוּ דָא?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ פָאר מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", הָאט עֶר אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, "וֶוער אִיז עֶר?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט אַ בִּילֶעט פוּנֶעם קָארְדַאן פוּן דִי עֶסְטְרֵייכִישֶׁע מְלוּכָה, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעוָוארְנְט.

**רט**

דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז דֶער רֶבִּי פָארְט פוּנֶעם קָארְדַאן צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אוּן זַיינֶע חֲסִידִים. וַוייל דֶעמָאלְט הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אוּן דִי חֲסִידִים פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע, אוּן זֵיי הָאבְּן חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ גֶעדִינְגֶענֶער שָׁלִיחַ פוּן דִי מְלוּכָה צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער טָעוּת אִיז זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין קָאפּ, אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גְרוֹיסֶע רְאָיוֹת אוֹיף דֶעם, סְ'הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת.

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְפָארְשְׁן ר' יִצְחָק אוֹיבּ עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס בְּרִיוו קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז נִישְׁט. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כַּוָּונוֹת.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלָאזְן אוֹיף ר' יִצְחָק, זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר נַארְט זֵיי אוֹיס, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט, "אֲפִילוּ מִיר קֶענֶען דִיר פוּן אַמָאל פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין אָבֶער נִישְׁט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ עֶרְלִיךְ".

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט דַיין רֶבִּי'ן, רֶבִּי נַחְמָן פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין], אוֹיבּ דוּ

<<<<<<




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁידוּךְ בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן צֶערִיסְן אוּן צֶעפְלִיקְט. אִיר זֶענְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג אוּן אִיר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אַ זוּן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר אַלְט אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְלוֹיבְּט שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעזָאגְט יֶעדֶע שִׁידוּךְ, קַיין אֵיין שִׁידוּךְ אִיז מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן יֶעצְט זֶענֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מַיין הַארְץ גִיסְט בְּלוּט אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעלֶעבְּט.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס וִוי אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זֶע אוֹיס פִיל יוּנְגֶער וִוי אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז מַיין הַארְץ צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶערִיסְן פוּן יִסוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן דִי טָעוּתִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז זַייעֶנְדִיג אִין אוּמַאן הָאט מִיר אַ מֵפִיץ גֶעגֶעבְּן צְוֵויי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, "יְשׁוּעָתְךָ קְרוֹבָה" אוּן "תַּפְסִיקוּ לִדְאוֹג", אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער גֶעכַאפְּט אַן הַארְץ אַטַאקֶע. סְ'אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דַוְקָא דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם, דַוְקָא זֵיי זֶענֶען מִיר יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק אִין לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף זִיכֶער גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ'ס צִיּוּן אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן.

**אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם פַּיינְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צַייט", אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רַע מְאֹד", מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צַייט אִיר צִי הִיטְן וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן דִי גַּאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, - בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ'.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלָל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַּאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק זָאגְנְדִיג: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזָאנְס?!' אַזוֹי דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ' זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ' אַלְץ מִיט דִי כַּוָּונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ', מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַארְשׁוֹין אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נֶעמֶען דֶעם שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת, מְקַיֵּים זַיין דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער. אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דֶער מְחַבֵּר הֵייבְּט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע סְעִיף אִין חֵלֶק אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי הֲלָכָה: "חַיָּיב כָּל אָדָם לִישָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי כְּדֵי צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת", אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶע'הַרְגֶ'ט מֶענְטְשְׁן אוּן פַארְגָאסְן זֵייעֶר בְּלוּט, "וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט זַיין מִיט דִי אִידְן; חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט אִים דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רָמָ"א זָאגְט דָארְט: "וְכָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא בְּרָכָה בְּלֹא תּוֹרָה כו', וְלֹא נִקְרָא אָדָם, וְכֵיוָן שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה עֲוֹנוֹתָיו מְפַקְפְּקִים שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יח, כב) מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵאֵת ה'".

אַז דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט אַנְטְקֶעגְן אִים, דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל, נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים**
**קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132



>>>>>
זָאלְסְט מִיטְפָארְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶער נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט, זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת.

**רי**

זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיין אִים אוֹיסְצוּפְרֶעגְן וֶוער עֶר אִיז, פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, פוּן וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה עֶר אִיז; עֶר הָאט זֵיי אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן. זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן וֶועגְן אַרוֹיסְצוּבַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס מְ'זָאל פוּן דֶעם קֶענֶען כַאפְּן וֶוער עֶר אִיז, עֶר הָאט אָבֶער אַלֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט חָכְמָה אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ, אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט.

יֶעדֶעס מָאל הָאט זֵיי זִיךְ גֶעדַאכְט אַז עֶר אִיז אַ צְוֵוייטֶער; אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז אַ כֹּהֵן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יָא, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי אִים פְּלוּצְלִינְג גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז אַ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט וִוידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא. הָאבְּן זֵיי אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ כֹּהֵן, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ יִשְׂרָאֵל?", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "כֹּהֵן אִיז דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד, אוּן יִשְׂרָאֵל אִיז אַן אַנְדֶערֶע מִדָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' בֵּיידֶע מִדּוֹת".

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים, נָאר עֶר ווִיל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער עֶר אִיז, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר פַּיינְט צוּ הָאבְּן, זֵיי הָאבְּן אִים זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְשֶׁעמְט מִיט אַלֶע סָארְט בִּזְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שֶׁעלְטְן מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת פַאר אַסַאךְ טֶעג, אוּן רוֹב בִּזְיוֹנוֹת אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן בַּיי זֵיי, "דָאס זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן מַיין עִיקָּר כַּוָּנָה פַארְוָואס אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, מִלִּבִּי לְפוּמִי לָא גַּלִּיתִי, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז אָבֶער גוּט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְטְרָאגְן אִינְאֵיינֶעם, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד (תְּהִלִּים קל"ג, א'), אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט דִי כַּוָּנוֹת פוּנֶעם צְוֵוייטְן".

זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן זַיינֶע אֱמֶת'עֶ כַּוָּנוֹת מִיטְ'ן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶענֶען זֵיי אִים טוּן גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָבֶער גֶעזָאגְט, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת פוּן אַייךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן מַיינֶע כַּוָּנוֹת. פַארְקֶערְט, אוֹיבּ ווִילְט אִיר קֶענְט אִיר בַּאקוּמֶען טוֹבוֹת פוּן מִיר".

הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּין, "אִיר רֶעדְט מִיט אַזַא בְרֵייטֶע סָארְט שְׁפְּרַאךְ ווִי דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, אַ שְׁטֵייגֶער ווִי רֶבִּי בָּרוּךְ [רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, דֶער אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע], אוּן רֶבִּי שָׁלוֹם [רֶבִּי שָׁלוֹם שַׁכְנָא פוּן פְּרָאהְבִּיטְשׁ זי"ע, אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע], אוּן רֶבִּי נַחְמָן [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין], וָואס זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ מָאל גְרוֹיסֶע זַאכְן בְּלָשׁוֹן נִסְתָּר. דוּ בִּיסְט אָבֶער זִיכֶער נִישְׁט אֵיינֶער פוּן זֵיי, וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי חוֹלְקִים אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**בארא פארק - החתן ארי פיש הי"ו, צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**
**באווארפן שב"ק פ' לך בביהמ"ד קהל בני תורה צאנז 369 Dahill Rd.**
**חתונה ג' וירא אין זאל "כרם מנחם" 5401 Ft. Hamilton Pkwy**
**שמחת חתן וכלה בשעה 9:30**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר
**מו"ה יואל פארקאש שליט"א**
גבאי בית המדרש "היכל הקודש" קרית יואל
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין בחור נפתלי הערש ני"ו למזל טוב**

***

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר
**מו"ה ראובן בירענבוים הי"ו**
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן חיים ני"ו למזל טוב**

***

**מו"ה ישראל משה גאלדמאן הי"ו**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## דער ראש ישיבה שליט"א
## באזוכט אין קרית ברסלב ליבערטי

די וואך דינסטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך ארויסגעלאזט גאר פרי פארטאגס פון שטאט צו באזוכן דעם שטעטל קרית ברסלב אין ליבערטי, דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אין בית המדרש אין שטעטל זעקס אזייגער אינדערפרי, בשעת דער ארטיגער כולל בוקר איז געווען פול מיט אינגעלייט וואס האבן געלערנט פלייסיג, פון וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער הנאה געהאט, און די אינגעלייט האבן זיך זייער געפריידט צו די פלוצלינגדיגע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דערנאך האט מען געדאווענט צוזאמען, און נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט א בלאט גמרא און דערנאך ארום גערעדט שטארקע יסודות וויאזוי עלטערן און מלמדים דארפן רעדן צו קינדער.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די קינדער אין חדר, דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט די טייערע קינדערלעך, דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער, "ווער ווייסט וויאזוי דער הייליגער רבי איז געווארן רבי?" און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, "ווייל ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן". און דערנאך האט ער געבעטן יעדעס אינגל זאל דערציילן א "מעשה פון תפלה", ווי ער האט געהאט א פראבלעם, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן. און דערנאך האבן די קינדער שיין געזינגען צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען באזוכן די קלענערע מיידלעך אין בית פיגא סקול, ער האט גערעדט צו זיי הדרכה וויאזוי זיך צו פירן ערליך און מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, און אזוי אויך זען צו פאלגן די לערערינס אלעס וואס זיי הייסן, אויך האט די ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער די שיינקייט פון גיין אנגעטון צניעות'דיג, און ווי דעם הייליגן רבי'ס מאמע - וואס די סקול טראגט איר נאמען - איז געגאנגען אנגעטון מיט א געוואלדיגע צניעות פון וואס מען דארף זיך אפלערנען פאר אונז אויך.

דער ציבור אנשי שלומינו אין שטעטל האבן געהאט א שטארקע חיזוק פונעם באזוך.
**בנים אתם לה' אלוקיכם!**

***

## שיינע בר מצוה אין בית המדרש

דעם פארגאנגענעם מיטוואך פרשת נח איז פארגעקומען א הערליכע שמחת בר מצוה אין ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, ווען הב' יעקב יוסף נ"י בן מו"ה ראובן ברוך סאלי הי"ו איז אריין לעול התורה והמצות. דער קלוגער בחור איז פון די תלמידים פון די הייליגע ברסלב'ע תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, וואו מען לייגט אריין אין די קינדער אז דער עיקר אין לעבן אז נאר תורה ומצות און מעשים טובים, און נאר אז מען לעבט מיט'ן אייבערשטן וועט מען האבן א גוטע לעבן, מען דארף זוכן צו געפעלן נאר פאר'ן אייבערשטן, און אים קען מען צופרידן שטעלן, און מענטשן קען מען סיי ווי נישט צופרידן שטעלן.

דערפאר איז ביי די קינדער א בושה צו פראווען א בר מצוה אויף אן אזוי גערופענע "נארמאלע" וועג, אין א זאל, מיט א קעיטערער, מיט מיניטשורס און מוזיק א.א.וו. וואס בסך הכל וועט מען זיך קענען איינרעדן אז מען וועט ווערן ארויפגעקוקט ביי די חברים, אבער פון די אנדערע זייט וועט מען צאפן דאס בלוט פונעם טאטן וואס דארף אויסבלוטיגן מיט שווערע חובות פאר זיין תכשיט'ל. וואס דערמיט איז מען ר"ל עובר אויפ'ן באפעל פון אייבערשטן "כבד את אביך ואת אמיך".

די טייערע קינדער וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן בעטן זייערע עלטערן אז זיי זאלן מאכן זייער בר מצוה וואס פשוטער און וואס קלענער, ווייל זיי זענען גענוג פרייליך בלויז מיט דעם וואס זיי ווערן שוין מחויב במצוות, זיי הייבן אן צו לייגן תפילין א.א.וו. און זיי זענען העכסט צופרידן מיט'ן פראווען א בר מצוה אין בית המדרש בחנם.

דער טאטע פונעם בר מצוה בחור האט זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און געזאגט אז דאס פראווען די בר מצוה אין בית המדרש אנשטאט אין א זאל מיט אלע צוגעהערן האט אים געשפארט איבער זיבן טויזנט דאלער.
**ומשפע מצות תפילין יתמשך עלי להיות לי חיים ארוכים ושפע קודש!**


## טייערע בחורים,

הויבט אן דעם זמן מיט א פרישקייט,
הערט די הערליכע שיעורים פונעם
ראש ישיבה שליט"א אויף
# פתיחת הזמן
**212-444-9191**
**2,1,6,1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
מיר וועלן פרובירן בעז"ה
עס צו שיקן צו אייך אהיים.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**